# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מאכלי שבת

### צוויי ערליי פליישן

**אסאך** צדיקים האבן געגעסן צוויי ערליי פלייש, בהמה פלייש און פלייש פון עופות. דער טעם דערפון איז ווייל אלעס וואס מען טוט אום שבת איז געדאפלט, צום ביישפיל ביים קרבן מוסף פון שבת האט מען מקריב געווען צוויי לעמעלעך, מיר נעמען לחם משנה - צוויי חלות, דאס געזאנג איז דאפלט ['מזמור שיר' ליום השבת] א.ד.ג. [עי' בדעת זקנים בעלי תוס' פ' פנחס על הפסוק וביום השבת].

**דרכי חיים ושלום אות שצ"ד בהערה ע"ש שהאריך**

**צופיל** פלייש זאל מען נישט עסן אפילו אום שבת.

**מגיד מישרים, אזהרות ותיקונים וסייגים, אות ז'**

### צושפייז צום פלייש

**דער** מהר"י ווייל זצ"ל האט מקפיד געווען ביי די סעודות פון שבת און יום טוב צו עסן חריין צו די פלייש, אלץ זכר צו דעם וואס די כהנים אין בית המקדש פלעגן עסן חרדל, צושפייז צו די פלייש פון די קרבנות שלמים.

**אוצר יד החיים אות תתרמ"ה בשם ליקוטי יושר תלמוד מהרי"ו זצ"ל**

### צימעס

**עס** איז א מנהג ביי חסידים פרייטאג צונאכטס נאכן עסן די פלייש צו עסן פיר סארטן צימעס אין דעם סדר: פערפל, מייערן, געקאכטע פרוכט, און לעבער.

**חסידים** האבן געטראפן א רמז, אז די ראשי תיבות פון 'פֶּסַח מִצְרַיִם, פֶּסַח לֶעָתִיד' איז מרמז אויף די פיר סארטן צימעס: פ'ערפל מ'ייערן, פ'לוימען ל'עבער. **זמירות לעטר פתורה עמוד מ"ב**

**אין** ספר מטעמים שטייט אז מען עסט אום שבת צימעס, ווייל דער טייטש פון 'צוֹמֶת' מיינט פאראייניגט, ווי דער לשון 'צוֹמֶת הַגִּידִין' [די אדערן זענען פאראייניגט], דאס איז א רמז אז השם יתברך איז צוזאמען געבינדן מיט דעם שבת און מיט די אידישע קינדער. **ספר מטעמים**

### פערפל

**פערפל** ווערט אויך אנגערופן 'דעם בעל שם הקדוש צימעס', ווייל דאס האט איינגעפירט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע.

**אויך** איז דא א קבלה פון בעל שם הקדוש אז פערפל איז א סגולה אויף פרנסה.

**הרב הקדוש רבי פנחס מקאריץ זי"ע** האט נאכגעזאגט פונעם בעל שם טוב זי"ע אז פערפל איז א רמז אז די עבירות זאלן ווערן פארפאלן, ווי די חז"ל זאגן אונז אז ווער עס היט אפ דעם שבת, איז השם יתברך אים מוחל זיינע עבירות און זיי ווערן פארפאלן. **אמרי פנחס אות כ"ו**

**הרה"ק** רבי פנחס קאריצער זי"ע האט געזאגט אז פערפל איז 'פאר-פיל', ד.ה. עס איז אים געגוג אזויווי ווען עס וואלט געווען פיל. דאס איז א רמז אויף די מדה פון הסתפקות במועט, צו זיין צופרידן מיט ווייניג. **שם**

**נאך** א רמז, פערפל איז 'פאַר-פיל', מען עסט דאס אלס א סגולה אז עס זאל זיך יעדן פארפילן וואס פאר א ישועה ער דארף, רפואות, שדוכים, פרנסה, מיט אלעם גוטן. **שמעתי**

### פערפל, א הייליג מאכל

**הגה"ק** רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל אבד"ק ירושלים עיר הקודש האט דערציילט, אז די טאכטער פונעם מהר"ם שיק זצ"ל איז אמאל געקומען צו איר פאטער אויף שבת, און זי האט דערציילט אז זי פירט זיך נישט צו מאכן פערפל אויף שבת, ווייל ווען עס קומט צו עסן די פערפל איז מען שוין זאט פון די אנדערע מאכלי שבת, און מען עסט דאס סיי ווי נישט.

# מאכלי שבת

**דער** מהר"ם שיק האט זיך אויף איר געבייזערט און געזאגט: וויסן זאלסטו אז דער מאכל פערפל איז זייער א הייליג מאכל, דאס האבן שוין געגעסן די קדמונים יעדן פרייטאג צונאכטס, ווי אזוי קענסטו מוותר זיין דערויף, איבערהויפט אז מען האט מתקן געווען דעם מאכל אלץ זכר צום ערשטן בית המקדש וואס איז געשטאנען פיר הונדערט צעהן יאר, ווייל 'פערוויל' באטרעפט פיר הונדערט צוויי, און צוזאמען מיט די זיבן אותיות איז עס פיר הונדערט ניין, און אז מען רעכנט צו אויך דאס כולל [דעם ווארט אליין] איז עס פיר הונדערט צעהן, דערפאר טאר מען אויף דעם בשום אופן נישט מוותר זיין.

## הייסע פערפל

**הגה"ק** מהר"ש מבעלזא זי"ע האט נאכגעזאגט פון הרב הקדוש מלובלין זי"ע אז די פערפל זאל זיין אזוי שטארק הייס, אז די פארע זאל ארויסגיין דערפון. עס קען זיין אז דער ענין איז ווייל דאס עסן פערפל איז א זכר אויף דעם לחם הפנים וואס איז געווען אין בית המקדש, און די גמרא [חגיגה כ"ו] זאגט אז ווען די עולי רגלים פלעגן ארויף קומען אין בית המקדש האט מען זיי געוויזן די לחם הפנים, אז עס איז נאך אזוי הייס אזוי ווי ביים אריינלייגן, צו ווייזן דערמיט ווי שטארק השם יתברך האט ליב די אידישע קינדער, אז עס פלעגט שטענדיג בלייבן זייער הייס.

**אייגנטליך** איז שווער צו פארשטיין, ווי אזוי האט מען געקענט זען מיט די אויגן אז די לחם הפנים איז הייס, מען האט זיי דאך נישט אנגעטאפט, נאר עס מוז זיין אז די לחם הפנים האט ארויסגעגעבן אן הייסע פארע, וואס דאס האט מען געזען. דעריבער איז פארשטענדליך פארוואס דער הייליגער חוזה מלבלין זי"ע האט געהאלטן פאר אן ענין אז פון די פערפל, וואס איז אלס זכר צום לחם הפנים, זאל ארויסקומען א הייסע פארע.

**דעריבער** איז אויך דער מנהג אז נאר שבת עסט מען פערפל, און נישט יום טוב. **מנהגי בעלזא**

## לעבער

**עס** זענען דא וואס פירן זיך אז סוף סעודה פארן בענטשן עסן זיי הייסע לעבער, א רמז אויף 'סוף הַכָּבוֹד לָבוֹא', דער כבוד - די לעבער, קומט צום סוף פון די סעודה. **צאנז, שינאווא**

**עס** ווערט דערציילט אז ביי כ"ק אדמו"ר הרב הצדיק רבי זלמן לייב משינאווא הי"ד [דער לעצטער רב אין שינאווא פאר די מלחמה] איז אמאל נישט געווען קיין לעבער, האט ער געזאגט אז 'כָּבֵד' איז בגימטריא זעקס און צוואנציג, אזוי ווי השם יתברך'ס נאמען, און אז יעצט איז די נאמען פון השם יתברך נישט גאנץ, ווען מיר זינגען 'קָהּ רִבּוֹן עָלַם', וואס איז נאר צוויי אותיות פון השם יתברך'ס נאמען.

**זמירות לעטר פתורא דף מ"ב**

**צדיקים** האבן געגרופן די לעבער 'לעבערלעך', מרמז צו זיין דערמיט אז מען דארף לעבן ערליך.

## עסן קוגל פרייטאג צונאכטס

**דער** רמ"א זאגט אז אין טייל ערטער פירט מען זיך צו עסן ביי די סעודה פון פרייטאג צונאכטס פשטיד"א [קוגל], אלס זכר צום מן וואס איז געווען באדעקט פון אויבן און פון אונטן מיט טוי, וואס אויך קוגל איז באדעקט פון אויבן און פון אונטן. **רמ"א סי' רמ"ב**

**כ"ק** מרן אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר זי"ע האט אמאל פרייטאג צונאכטס ביים טיש, בשעת ער האט געטיילט שיריים פון די קוגל, געפרעגט **הגה"צ מוה"ר לוי יצחק גרינוואלד זצ"ל אבד"ק צעהלים יצ"ו** אויב ער האט דעם מנהג צו עסן פרייטאג צונאכטס קוגל ביי די סעודת שבת, ווייל עסן קוגל פרייטאג צונאכטס איז מען מחויב מצד הלכה ווי דער רמ"א ברענגט, און שבת בייטאג איז דאס קוגל עסן נאר א מנהג ישראל.

**זמירות חוקיך דף י"א**

## געפילטע העלזל

**צדיקים** האבן שטארק מחשיב געווען דעם געפילטע העלזל, דאס איז געמאכט געווארן פון די הויט פונעם הינדל וועלכע מען האט ארומגעשניטן שיין רונדיג ביז די דיכט און מען האט דאס פארמירט ווי א זעקל, מען האט עס אנגעפילט מיט א פלייש פילונג, אדער א געמיש פון געווייקטע חלה, אייער און צוהאקטע פעטרישקע בלעטער, און דאן צאמגענייט דאס זעקל מיט א נאדל און פאדעם ביי די צוויי זייטן, כדי דער אינהאלט זאל נישט ארויסלויפן ווען עס קאכט זיך אין די זופ.

**דעם** קוגל האט מען גערופן 'דעם אמת'ן קוגל', ווייל עס איז אנגעפולט - א זכר אויף דעם מן וואס איז געווען באדעקט פון אויבן און פון אונטן מיט טוי.